בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן

**דֶער קוּנְטְרֵס רֶעדְט אַרוּם אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן עֵצוֹת אוּן חִזוּק וִוי אַזוֹי יֶעדֶע אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.**

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "יְפֵה עֵינַיִם" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראָ פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן

## א

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא נָשֹׂא ג') "בְּשָׁעָה שֶׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת עוֹלָמוֹ, נִתְאַוָּה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דִּירָה בַּתַּחְתּוֹנִים" – פַּארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט? פַּארְוָואס הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס אִיז אוּנְזֶער אוֹיפְגַאבֶּע דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? דָאס אַלֶעס אִיז נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל וואוֹינֶען צְוִוישְׁן אוּנְז, עֶר וִויל אַז מִיר זָאלְן נָאר טוּן זַיין וִוילְן דָא אוֹיף

דֶער וֶועלְט, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע רָצוֹן נָאר צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

מֶען זָאגְט בַּיי קַדִישׁ "בְּעָלְמָא דִי בְרָא כִרְעוּתֵיהּ וְיַמְלִיךְ מַלְכוּתֵיהּ", דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קע"ז) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, עֶר גֶעבְּט אַוֶועק זַיינֶע אֵייגֶענֶע רְצוֹנוֹת, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן וָואס עֶר ווִיל, נָאר עֶר אִיז צוּפְרִידְן מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים, עֶר ווִיל נָאר דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל; דוּרְךְ דֶעם מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ קֶענִיג אִיבֶּער דִי וֶועלְט, וַוייל עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאר אִים, עֶר אוּנְטֶערְטֶענִיגְט זִיךְ אוּנְטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שְׁלֵימוּת צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז דֶער צִיל צוּ

וָואס יֶעדֶער אִיד דַארְף שְׁטְרֶעבְּן אָנְצוּקוּמֶען. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם אַז עֶר ווִיל נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט עֶר ״גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן״, עֶר זֶעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁפִּירְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אָבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט זַיין תַּפְקִיד פַארְוָואס עֶר אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז צוּ זַיין נָאר אוּנְטֶערְטֶענִיגְט אוּנְטֶערְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אַז עֶר קֶען אַלֶעס אַלֵיין אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם רַייסְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיינֶע אוֹיגְן הוֹיבְּן אָן קְרַאנְק צוּ וֶוערְן, עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן, עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן אִין שְׁמוּץ.

אַ איִד דַארְף שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן דֶעם "שִׁוִיתִי ה' לְנֶגְדִי תָמִיד" (תְּהִלִים ט"ז, ח') נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, עֶר אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ קְלֵיין וֶוערִימְל וָואס קְרִיכְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְן, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג צוּקוּמֶען נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ב, ט') "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' אֶת צִיּוֹן", וֶוען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב וֶועט יֶעדֶער זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי אוֹיגְן, יֶעדֶער וֶועט וִויסְן אוּן יֶעדֶער וֶועט שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ מָשִׁיחַ'ס צַייטְן, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין אָט אָט זַיין סוֹף, שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת דָאס צוּ

פַארְדֶעקְן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי וֶועלְט אַ פִינְסְטֶערְנִיש אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַזַא שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז וואוּ מֶען וֶועט זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן וֶועט מֶען נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן 'זֶה לְעוּמַּת זֶה' מַאכְט דֶער סַמַךְ-מֵם יֶעצְט בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא אַז וואוּ מֶען דְרֵייט זִיךְ זָאל מֶען נָאר זֶען שְׁמוּץ אוּן עֶקֶל, אוּן דָאס אַלֶעס מִיטְ'ן צִיל אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ב).

דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעט דֶערְצוּ אַז דִי גַאס זָאל זַיין גֶעפֶערְלִיךְ אוֹיסְגֶעלַאסְן, דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר פְּרִיצוּת'דִיג, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר מוּז זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרֶעמְדֶע פְרוֹי אוֹיפְ'ן גַאס. דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט

אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה ג׳) ״אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת״, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט מַמָּשׁ מְשׁוּגָע אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ אָן לַאנְגֶע שָׁעוֹת מִיט שְׁמוּץ, עֶר קוּקְט זִיךְ אָן מִיט שְׁמוּצִיגֶע בִּילְדֶער אִין מַאגַאזִינֶען, עֶר אִיז צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ זַיין טֶעלֶעפָאן אוּן קָאמְפְּיוּטֶער אוּן עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ שְׁמוּץ אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט זַאט דֶערְפוּן, עֶר פַארְלִירְט אִינְגַאנְצְן זַיין נָארְמַאלְן שֵׂכֶל צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר פַארְדִינְט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, דָאס פַארְבְּרֶענְט נָאר זַיין מֹחַ אוּן זַיין טֵייעֶרֶע צַייט.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶען אַרַיינְצוּנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען גָארְנִישְׁט אַלֵיין אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס וֶועט אִים גֶעבְּן דֶער כֹּחַ זִיךְ קֶעגְנְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם שְׁוֶוערְן יֵצֶר הָרַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן י״א) אַז

גַיאוּת און נִאוּף זֶענֶען גֶעבִּינְדֶען אֵיינְס מִיט דִי אַנְדֶערֶע, נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת גַאֲוָה סִימָן ל"ד) "גַאֲוָה בָּא עַל יְדֵי שֶׁלֹא תִּקַנְתָּ חַטָאת נְעוּרִים", און אוֹיךְ (שָׁם אוֹת עֲנָוָה חֵלֶק ב' סִימָן ב') "עַל יְדֵי גַאֲוָה רַבָּה נִבְעַל כְּאִשָׁה", דָאס מֵיינְט אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל גַאֲוָה, עֶר הַאלְט אַז עֶר קֶען אַלֶעס אַלֵיין און עֶר רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם קוּמְט עֶר צוּ אַז עֶר פַאלְט אַרַיין אִין שְׁמוּץ, עֶר קוּקְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, און דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ פְּגַם הַבְּרִית, צוּ הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס דָאס אִיז דִי עֶקֶלְדִיגְסְטֶע און הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירָה, און צוּ נָאךְ שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת פוּן נִאוּף, און עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען דֶערְפוּן. און דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ אַרַיינְפַאלְן אִין כְּפִירוֹת און אֶפִּיקוֹרְסוּת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כ"ב) אַז דִי עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין

כְּפִּירָה. אוּן נִישְׁט נָאר אוֹיף דִי וֶועלְט לַיידְט עֶר פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס דֶערְבִּיטֶערְן אִים דָאס לֶעבְּן אוּן מַאכְן אִים פַּאר אַ בִּיטֶערֶער מֶענְטְשׁ, נָאר אוֹיךְ נָאךְ זַיין שְׁטַארְבְּן לוֹיפְן אִים נָאךְ דִי עֲבֵירוֹת אוּן מַאכְן אִים אָן גְרוֹיסֶע בּוּשׁוֹת אוּן צָרוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קמ"א) אַז דִי קְלִפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן.

ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, קֶען עֶר אָבֶּער נָאךְ אַלֶעס פַּארֶעכְטְן אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ" - וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. דֶערִיבֶּער וֶוען אַ אִיד קוּקְט זִיךְ אָן אוּן עֶר זֶעט אַז עֶס אִיז אִים שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַזוֹיפִיל

יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקוּקְט אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ, עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹיפִיל דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט הַארְבֶּע שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דַארְף עֶר זֶען אָנְצוּהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִינְגַאנְצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַז עֶר לִיגְט אִינְגַאנְצְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם סִימָן ו׳) ״עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הָאָדָם חָבִיב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּאִשָּׁה לְבַעְלָהּ״, וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִיז עֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִיךְ צוּקֶלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועלְן מִיר זַיין גֶעזוּנְטֶע נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ, מִיר

וֶועלְן הָאבְּן "גֶעזונְטֶע אויגְן" צו קוקְן מִיט זֵיי נָאר צום אֵייבֶּערְשְׁטְן און נִישְׁט אויף קֵיין שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן. וואויל אִיז דֶער וָואס אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג זַיין גוּט.

## ב

עֶס זָאגְט זִיךְ זֵייעֶר גְרִינְג אַז מֶען דַארְף אויפְהֶערְן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ און אָנְהויבְּן צוּ קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס גָאר שְׁוֶוער אויסְצוּפִירְן. אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוינְט פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט צוּ קוּקְן אויף פְרֶעמְדֶע פְרויעֶן, צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוינֶען דֶערְפוּן, עֶס אִיז שׁוין בַּיי אִים וְוי אַ נַאטוּר. וְוִיפִיל עֶר פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַרויסְצוּדְרֵייעֶן דֶערְפוּן, וֶוערְט עֶר אַלְץ נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט דֶערִין, און

דָאס הַרְגְ׳ט אִים זַיין לֶעבְּן. דָאס בְּרֶענְגְט אַריין אִינֶעם מֶענְטְש אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסִיֶע, עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט לַיידְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם סְפֵק אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן דָאס אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן קוּקְן שְׁמוּץ. אָבֶער אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְש וֵוייסְט שׁוֹין דֶעם אֶמֶת אַז דִי אַלֶע שְׁמוּץ בְּרֶענְגֶען אִים נָאר צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, קֶען עֶר זִיךְ אָבֶער נָאכְאַלְץ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר אַזַא מֶענְטְש אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם זוּמְפּ אוּן אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן. אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מִיט דִי שְׁפְּרַאךְ מִיט וָואס עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן וָואס דָאס אִיז דָאס מֶערְסְטֶע נָאנְט צוּ

זַיין הַארְץ און מִיט דֶעם קֶען עֶר די בֶּעסְטֶע אַרויסְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע אֱמֶת׳עֶ גֶעפִילְן פוּן הַארְץ. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ״הִתְבּוֹדְדוּת״, אַז אַ מֶענְטְש רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ און דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ. עֶר זָאגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן אֱמֶת: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ פִיר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ זִינְק אִין בְּלָאטֶע און אִין שְׁמוּץ, אִיךְ וֵוייס אַז דָאס הַרְגָ׳ט מִיר מַיין לֶעבְּן בְּרוּחֲנִיוּת און בְּגַשְׁמִיוּת; וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז אִיךְ הָאב אַזַא שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין מִיר און לָאזְט מִיר נִישְׁט מְנוּחָה, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאב שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעקוּקְט שְׁמוּץ אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן, וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט, אִיךְ פַאל נָאר אַרָאפּ אַלְץ מֶער און מֶער, די עֲבֵירוֹת הָאט מִיר

שׂוֹין גֶעמַאכְט אַזוֹי מְשׁוּגָע אַז אִיךְ קֶען שׂוֹין נִישְׁט טְרַאכְטְן מִיט אַ גְלַייכְן שֵׂכֶל; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׂוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, צוּ טוּן שְׁמוּץ, אִיךְ זָאל נָאר קוּקְן צוּ דִיר אוּן לֶעבְּן מִיט דִיר, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן״. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת מִיט אַלֶע דֶעטַאלְן אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אוּן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל טוּן, יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם צוּ רֶעדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן וֶוערְן אַ

נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ און אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ל׳, סִימָן ג׳) אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין קֶענִיג און נִישְׁט קַיין נָבִיא, נִישְׁט קַיין כֹּהֵן און נִישְׁט קַיין אוּרִים וְתוּמִים, הָאבְּן דִי אִידְן נָאר דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, און דֶערִיבֶּער בֶּעט זִיךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם אַז עֶר רֶעדְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, און סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ל"ו) אַז וֶוען עֶס בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ דִי תַּאֲוָה פוּן נִאוּף און פְּגַם הַבְּרִית, דַארְף עֶר שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיבֶּעצִיג

קוֹלוֹת. אוּן דָאס מֵיינְט טַאקֶע פָּשׁוּט אוּן גְרָאד צוּ
שְׁרַייעֶן אוּן שְׁרַייעֶן מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן
אַז מֶען זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי בִּיטֶערֶע תַּאֲוָה
אוּן מְשׁוּגַעַת פוּן נִאוּף, וָואס דָאס דֶערְבִּיטֶערְט דָאס
לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן צֶעבְּרֶעכְט אִים אִינְגַאנְצְן
בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵרָא) "דֶער
אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער: אִיר זָאלְט
זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט אִין תְּפִלָּה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא
קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אוּן דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן
אַלֶע קָרְבָּנוֹת, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט
וֶוערְט אַז מֶען זָאל אוֹיסְהֶערְן זַיין תְּפִלָּה אוּן אִים
הֶעלְפְן, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אוּן אַסַאךְ
בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, וֶועל אִיךְ טוּן מִיט אִים אַ חֶסֶד אוּן
עֶנְטְפֶערְן זַיין תְּפִלָּה".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַלֵיינְס אוֹיפְ'ן וֶועג, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט אוּן עֶר שְׁרֵייט אוּן וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אַז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶוערְט אֵיין שְׁטִיק מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְלֶעבְּט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעוואוֹינֶען נָאר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, וַוייל נָאר דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וָואס קֶען הֶעלְפְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעבְּן.

אוּן דָאס דַארְף נִישְׁט זַיין דַוְקָא אִין עֶפֶּעס אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ אִין אַ וַואלְד, אוּן דָאס דַארְף אוֹיךְ

נִישְׁט זַיין דַוְקָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁרַייעֶן הוֹיךְ מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת; נָאר סַיי וואוּ אַ מֶענְטְשׁ גֶעפוּנְט זִיךְ נָאר, זָאל עֶר עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ שְׁטִילֶערְהֵייט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נֶעבְּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִלִים ד׳) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרַיין אִין שׁוּל אוּן עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין אַ ווִינְקֶל אוּן עֶר מוּרְמְלְט שְׁטִילֶערְהֵייט אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶערְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ צוּ זַיין תְּפִלָּה.

דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקֶען דֶעם יְסוֹד אַז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע הָאפֶענוּנְג אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיז נָאר דוּרְךְ

תְפִלָה, זִיךְ אויסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין פָּשוּטֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי עֶר רֶעדְט צוּ זַיין חַבֶר. וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן אִיז שוֹין נִישְׁט קַיין חִילוּק, עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפוּנְט זִיךְ, עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס צִי עֶר רֶעדְט שְׁטִיל אָדֶער הוֹיךְ. וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְהֶערְן אוּן אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

## ג

מֶען דַארְף אָבֶּער גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס פַּאסִירְט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג. אַ מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן זַיין שְׁמוּץ, עֶר הָאט זִיךְ שוֹין צוּגֶעוואוֹינְט פַאר אַזוֹי לַאנְג צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, עֶר לִיגְט שוֹין אִין דֶעם אַזַא לַאנְגֶע

צַייט, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ עֶנְדְלִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן עֶר ווִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶע סָארְט שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקַייטְן, זֶעט עֶר אָבֶּער נִישְׁט ווִי דָאס זָאל אִים הֶעלְפְן, עֶר בֶּעט אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ וַוייטֶער זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הַאלְט אִין אֵיין נָאכְאַמָאל דוּרְכְפַאלְן.

מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ע"ח) "אֵין שׁוּם יִאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל" – עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט פַארְהַאן אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַאלְט אַזוֹי סַאךְ אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם וֶועג אַרוֹיס.

אַ מֶענְטְשׁ קֶען זיך אַיינְרֶעדְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן, אוּן דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, אֲפִילוּ עֶר פְּרוּבִּירְט אַזוֹי סַאךְ אוּן עֶר בֶּעט אַזוֹיפִיל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן פַאלְט עֶר נָאךְ וַוייטֶער דוּרְךְ אִין שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן קֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט אַ נָאנְטֶער אוֹיג אוֹיף יֶעדְן אִיד אוּן קוּקְט זִיךְ צוּ צוּ זַיינֶע אָנְשְׁטְרֶענְגוּנְגֶען, עֶר הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אוּן דָאס פַארְשַׁאפְט אִים אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ.

מֶען זֶעט בְּגַשְׁמִיּוּת אַז וֶוען אַ קִינְד וואוֹינְט בַּיי זַיין טַאטֶע, עֶר לֶעבְּט מִיט זַיין טַאטֶע דִי גַאנְצֶע צַייט, דַאן

כָאטְש וָואס דָאס קִינְד הָאט טַאקֶע לִיבּ זַיין טַאטֶע, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן אַז דָאס קִינְד בֶּענְקְט זִיךְ צוּ זַיין טַאטֶע, אַז זַיין הַארְץ צִיט אִים מִיט בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ זַיין טַאטֶע, וַוייל פַאקְטִישׁ אִיז עֶר דָאךְ נֶעבְּן אִים דִי גַאנְצֶע צַייט.

וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער אַ מַצָב אַז אַ קִינְד וֶוערְט דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זַיין טַאטֶע, עֶר פָארְט עֶרְגֶעץ אַוֶועק אוֹיף אַ וַוייטֶע פְּלַאץ אָדֶער עֶס מַאכְט זִיךְ סֵיי וֶועלְכֶע סִיבָּה אַז אַ קִינְד וֶוערְט דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זַיין טַאטֶע, דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן זַיינֶע אֶמֶת׳דִיגֶע בֶּענְקֶענִישְׁן אוּן גְלִיסְטֶענִישְׁן צוּ זַיין טַאטֶע. וִוי מֶער עֶר וֶוערְט דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זַיין טַאטֶע, אַלְץ מֶער שְׁטַארְקְט זִיךְ זַיין בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ אִים, זַיין הַארְץ גֵייט אִים אוֹיס זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן אוּן זִיךְ צוּרִיק פַארְאֵייניגְן מִיט זַיין טַאטֶע.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט יֶעדֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, אֵיידֶער דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דִי נְשָׁמָה צוּזַאמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג אוּן עֶס פֶעלְט אִיר גָארְנִישְׁט, זִי שְׁפִּירְט זִיךְ זֵייעֶר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע צַייט. דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט דֶער תַּכְלִית, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ דִי נְשָׁמָה דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וִוי דִי נְשָׁמָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים, אוּן זִיךְ וַוייטֶער בֶּענְקֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה אִין אַ גוּף, וָואס דֶער גוּף אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, דֶער גוּף צִיט נָאר צוּ אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיז פַארְהַאן אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ פוּן אַלֶע זַייטְן, אוּן

וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ נָאר, ווִיל דֶער גוּף נָאר קוּקְן אוֹיף שְׁמוּץ, עֶר ווִיל נָאר טוּן שְׁמוּץ.

אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן קוּקְט אוֹיף דִי נְשָׁמָה צוּ זֶען וָואס זִי גֵייט יֶעצְט טוּן, צִי גֵייט זִי זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נָאר וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער גֵייט זִי פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן נָאר אִין נַארִישְׁקַייטְן. אוּן דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית פַארְוָואס מִיר לֶעבְּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז ווִי מֶער מִיר דֶערְוַוייטֶערְן זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן דִי בֶּענְקְשַׁאפְט פוּנֶעם אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וֶוערְט גֶערוּפְן אַ "יְרִידָה לְצוֹרֶךְ עֲלִיָּה", דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר פַאלְט דוּרְךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִין שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, יֶעדֶע עֲבֵירָה דֶערְוַוייטֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ מֶער

און מֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אִיז זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן און קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן. נָאר פַארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר וֶוערְט דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אִים דִי בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אַיין, עֶר פַארְגֶעסְט דֶער תַּכְלִית פַארְוָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייט דוּרְךְ אַזוֹיפִיל טֶעג און יָארְן וָואס עֶר אִיז אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְט דָאס אַז עֶר זָאל אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן און פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. און דֶעריבֶּער דַארְף מֶען הָאבְּן אַ צַדִיק וָואס דֶער צַדִיק וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס').

דֶער צַדִיק וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דֶערְמַאנְט אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט נָאכְאַלְץ אוֹיף אִים, אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת הָאט עֶר נָאכְאַלְץ אַ וֶועג אַרוֹיס, עֶר זָאל נָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיפְ'ן רָצוֹן. אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר פַאלְט דוּרְךְ אַזוֹיפִיל מָאל אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע שְׁוֶועשֶׁע נִסְיוֹנוֹת, עֶר דַארְף נָאר הַאלְטְן דֶעם צִיל פַאר דִי אוֹיגְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיפְ'ן רָצוֹן אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף תְּפִלָּה. וִויפִיל דֶער יֵצֶר הָרַע זָאל אִים נָאר אַרָאפְּוַוארְפְן, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל אַרוֹיס זָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן בֶּענְקֲשַׁאפְט וִוי שְׁטַארְק עֶר ווִיל אֱמֶת'דִיג זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ נָאר עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיין בְּרֶענֶענְדִיגְן יֵצֶר הָרַע.

וֶוען אַ אִיד וֶועט זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם, וֶועט עֶר זִיכֶער אַרוֹיסְקְרִיכְן צוּם סוֹף פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. נִישְׁט נָאר זַיין נְשָׁמָה וֶועט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אוֹיךְ זַיין גוּף וֶועט וֶוערְן אַזוֹי אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אַז עֶס וֶועט אוֹיךְ נָאר וֶועלְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כ״ב).

ד

חֲזַ״ל זָאגְן (שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִלִּים כ״ב) פַארְוָואס זֶענֶען אִידְן צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ וָואְרִים? וַוייל אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיינֶע וָוארִים קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן אַ גְרוֹיסֶע אוּן שְׁטַארְקֶע טֶענֶענְבּוֹים נָאר מִיט זַיין קְלֵיינֶעם מוֹיל, דִי זֶעלְבֶּע זֶענֶען דִי אִידְן וָואס הָאבְּן אוֹיךְ גָאר גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין זֵייעֶר מוֹיל.

דֶער קְלֵיינֶער וָוארִימְל זֶעט פַאר זִיךְ אַ רִיזִיגֶער שְׁטַארְקֶער בוים וָואס שְׁטֵייט פֶעסְט אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין דֶער עֶרְד, און דֶער וָוארִים הויבְּט אָן צו בַּייסְן מִיט זַיין קְלֵיינֶעם מויל אִין דֶעם בוים. וִוי אַזוֹי קֶען דֶען אַזַא קְלֵיינֶער וָוארִים בַּאזִיגְן און אומְוַוארְפְן אַזַא שְׁטַארְקֶער בוים? דֶער וָוארִים קוקְט אָבֶער נִישְׁט אויף דֶעם, נָאר עֶר הויבְּט אָן צו בַּייסְן אֵיין בִּיס און נָאךְ אַ בִּיס אַרַיין אִין דֶעם בוים. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער קְלֵיינֶער בִּיס מַאכְט גָארְנִישְׁט אויס פַאר דֶעם בוים, וֶוען דֶער וָוארִים גֶעבְּט אָבֶער נִישְׁט אויף נָאר עֶר בַּייסְט און עֶר בַּייסְט נָאךְ און נָאךְ יֶעדְן טָאג אִינֶעם בוים, עֶס קֶען אַזוֹי דורְכְגֵיין לַאנְגֶע טֶעג און יָארְן, אָבֶער סוף כָּל סוף זֶעט מֶען אַז דֶער קְלֵיינֶער וָוארִים פִירְט אויס דָאס זַיינִיגֶע און עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם שְׁטַארְקְן און מֶעכְטִיגְן בוים.

## גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אַ אִיד הָאט גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת אִין זַיין מוֹיל אוּן עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן. וֶוען אַ אִיד זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אִים אוֹיס ווִי דִי קְלֵיינֶע תְּפִלָּה טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף קֶעגְן אַזַא שְׁטַארְקֶע אוּן מֶעכְטִיגֶע יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין אִים אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּ דוּרְכְצוּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת טָאג נָאךְ טָאג. אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זַיין מוֹיל, עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּם סוֹף צוּ וֶוערְן אַן אֶמֶת׳דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד. אֲפִילוּ עֶס קֶען טַאקֶע נֶעמֶען לַאנְגֶע טֶעג אוּן יָארְן, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסְפִירְן דָאס זַיינִיגֶע.

דִי גְמָרָא זָאגְט (תַּעֲנִית ח.) "אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא אִם כֵּן מֵשִׂים נַפְשׁוֹ בְּכַפּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַמָּשׁ הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס עֶר פַּאלְט דוּרְךְ, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט, נָאר אָנְהַאלְטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אָפְּגֶעזֶען וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים.

דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה ח.) "אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי אוֹיגְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען דֶער עִיקָּר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן "גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן", אַז דִי אוֹיגְן זָאלְן נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁמוּץ, אוּן דָאס וֶועט שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ בְּרֶענְגֶען דֶערְצוּ אַז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ.

## ה

יֶעצְט טְרַאכְט אַרַיין און מַאךְ דֶעם רִיכְטִיגְן חֶשְׁבּוֹן מִיט דִיר אַלֵיין. דוּ בִּיזְט טַאקֶע דוּרְךְ גֶעפַאלְן מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת, דוּ בִּיזְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַאגַאזִינֶען און דוּ מוּזְט קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרוֹי, דוּ בִּיזְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דַיין טֶעלֶעפָאן און צוּ דַיין קָאמְפְּיוּטֶער, דוּ לִיגְסְט אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִינְגַאנְצְן אִין שְׁמוּץ און דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, און דָאס דֶערְבִּיטֶערְט דִיר דַיין לֶעבְּן אִינְגַאנְצְן.

דוּ הָאסְט אָבֶּער יָא אַ וֶועג אַרוֹיס! טְרֶעף דִיר אַ פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, און רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים דֶעם גַאנְצְן אֱמֶת וָואס דוּ טוּסְט, זָאג אִים אַז דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶער יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין דִיר און דוּ

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אִים, אוּן בֶּעט אִים אַז עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן.

אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט דָאס זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִיר, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן וִוי דוּ רֶעדְטְס צוּ זִיךְ אַלֵיין, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן וִוי קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט אוֹיס אוּן קֵיינֶער דַארְף דִיר נִישְׁט הָאבְּן; זָאלְסְט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן פוּן דִי אַלֶע גֶעפִילְן, דוּ זָאלְסְט אָנְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע עַקְשָׁנוּת דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ אַרָאפְּ׳גַנְבְ׳נֶען צַייט צוּ רֶעדְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַבִּיסְל אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס לִיגְט דִיר אוֹיפְ׳ן הַארְץ.

אוּן דַאן וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַלֶעס וֶועט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין מְסַדֵר זַיין, דַיין לֶעבְּן וֶועט אוֹיפְלַייכְטְן, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ סִפּוּק אִין דַיין לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס לוֹיפְט דִיר

נָאךְ, דַיין מֹחַ וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, דוּ וֶועסְט קֶענֶען טְרַאכְטְן נָארְמַאל און לֶעבְּן נָאר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט ! אוֹיבּ וֶועסְטוּ דָאס אַלֶעס פָּאלְגְן, וֶועט דִיר זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט !

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרַב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטְּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא
ויזכו לרות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון